בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת ויחי תשע"ח

שבת חזק

גליון 438 [שנה י']

**פארוואס האט יוסף געוואלט אפרים און מנשה זאלן זיין פון די שבטים?**

וְעַתָּה שְׁנֵי־בָנֶיךָ הַנּוֹלָדִים לְךָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד־בֹּאִי אֵלֶיךָ מִצְרַיְמָה לִי־הֵם אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ־לִי: (מ"ח ה') דארף מען פארשטיין פארוואס האט יוסף געזאגט אז אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה זאלן זיין ווי רְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן? אויך איז שווער פארוואס שטייט אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ־לִי נאנט צו וַאֲנִי בְּבֹאִי מִפַּדָּן מֵתָה עָלַי רָחֵל: (מ"ח ז')? נאר יוסף האט געהאלטן אז יעקב האט געהאט פיר ווייבער און צוועלף שבטים קומט דאך פאר רחל א פערטל דאס מיינט דריי שבטים, אבער זי האט נאר געהאט צוויי שבטים דעריבער האט יוסף צוטיילט זיין שבט צו אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה, און צוזאמען מיט בנימין האט רחל יעצט דריי שבטים, איי פארוואס האט רחל נישט געהאט נאך א קינד און ממילא האבן דריי קינדער שבטים? דעריבער שטייט נאכדעם וַאֲנִי בְּבֹאִי מִפַּדָּן מֵתָה עָלַי רָחֵל, ווייל זי איז געשטארבן אינמיטן וועג, דעריבער מוז יוסף צוטיילן זיין חלק אויף צוויי. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**וואס מיינט "בזה"? און פארוואס האט זיי יעקב יא געבענטשט?**

וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אָבִיו בָּנַי הֵם אֲשֶׁר־נָתַן־לִי אֱלֹהִים בָּזֶה וַיֹּאמַר קָחֶם־נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם: (מ"ח ט') צו פארשטיין פארוואס דארף יוסף צולייגן די ווארט בָּזֶה? און אויך וואס האט יוסף געענטפערט אז דורך זיין רייד האט יעקב מסכים געווען זיי צו בענטשן? נאר רש"י (פסוק ח) שרייבט אז יעקב האט געזען אז די שכינה איז אוועק פון אים האט ער געפרעגט ווער זענען די קינדער וואס זענען נישט ראוי צו א ברכה ווייל יָרָבְעָם און אַחְאָב וועלן ארויסקומען פון אפרים, און יֵהוּא און זיינע קינדער וועלן ארויסקומען פון מנשה. אבער מיר טרעפן א מדרש (בראשית רבה נג יד) אז ביי ישמעאל האבן די מלאכים מקטרג געווען און געזאגט רבונו של עולם ווי אזוי קענסטו באשאפן א בְּאֵר פאר ישמעאל בשעת זיינע קינדער וועלן מאכן די אידן שטארבן פון א בְּאֵר ווען זיי וועלן בעטן וואסער פון די ישמעאלים און וועלן נישט געבן, האט דער אויבערשטער געענטפערט יעצט איז ער א צדיק ממילא מוז איך אים דַן זיין לויט וואס ער איז יעצט. דאס מיינט בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם (בראשית כא יז) דאס זעלבע איז געווען דא: יוסף האט געענטפערט פאר יעקב, בָּנַי הֵם אֲשֶׁר־נָתַן־לִי אֱלֹהִים "בָּזֶה", יעצט זענען זיי צדיקים און קוק נישט וואס וועט זיין שפעטער, האט יעקב אנערקענט די רייד און געזאגט קָחֶם־נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם. (בית אברהם וברכת אברהם – שטיינער מ"מ ק"ק ג"וו)

**שייכות פון קבורת יעקב אין א"י מיט דוד המלך**

וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם: (מז כט) אויף די ווארט עִמָּדִי דרשענען חז"ל עִם דָּוִד, דער הייליגער חיד"א אין זיין ספר פני דוד (ויחי אות כ"ו) ברענגט פון ספר שפתי כהן א תלמיד פון הייליגן אריז"ל, אז דוד איז בגימטריא י"ד דאס מיינט "עִמָּ–דִי" עִם דָּוִד, דארטן איז דא אסאך חשבונות וואס איז די קשר פון יעקב און דוד, איין חשבון איז, ווייל עס איז באקאנט אז דוד המלך האט געדארפט שטארבן ווען ער איז געבוירן געווארן נאר אדם הראשון האט אים געשענקט זיבעציג יאר אבער נאך די חטא פון עץ הדעת זענען געווארן א פגם אין די זיבעציג יארן דעריבער האט אברהם געגעבן 5 יאר און יעקב 43 יאר און יוסף 22 יאר צוזאמען איז 70, און די 70 יאר האט מען געגעבן צו דוד. יעצט האט יעקב געוואוסט אויב מען וועט אים באגראבן אין מצרים וועט מען אים מאכן א עו"ז און זיינע יארן וואס ער וויל געבן צו דוד וועט זיין א פגם אין זיי, און אויך פון יוסף וועלן זיינע 22 יארן אויך זיין א פגם וועט נאר בלייבן פאר דוד 5 הייליגע יארן פון אברהם, דעריבער האט יעקב געזאגט וְעָשִׂיתָ "עִמָּדִי" זאלסט טאן פאר מיר און פאר דוד א חֶסֶד וֶאֱמֶת, אַל־נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם, ממילא וועלן די מצריים מיר נישט מאכן פאר א עו"ז, וועט זיין א חסד פאר דוד. (פני דוד החיד"א פון ס' אשד הנחלים תקמ"ג)

**דרוש אויף די שייכות פון מכירת יוסף און עשו**

וַיִּרְאוּ אֲחֵי־יוֹסֵף כִּי־מֵת אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף וְהָשֵׁב יָשִׁיב לָנוּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר גָּמַלְנוּ אֹתוֹ: (נ טו) שטייט אין ספר פָּרָשַׁת דְּרָכִים (סוף דרוש כ"ו) א מדרש פ' ויחי וז"ל וְהָשֵׁב זה יוסף יָשִׁיב זה עֵשָׂו ע"כ. און ער פרעגט ווי קומט אריין עשו דא? נאר מען קען ענטפערן אז יצחק האט געבענטשט יעקב, אבער די ברכות זענען נישט געווען מיט זיין אמת'ע מחשבה ווייל במחשבה האט יצחק געמיינט אז דאס איז עשו, די ברכה איז געווען נאר מיט זיין דיבור, דאס מיינט א דיבור אן מחשבה, אבער ווייל מיר ווייסן מחשבה לאו מילתא היא, ממילא זענען די ברכות פון יצחק צו יעקב מקויים געווארן.

יעצט ביי די ברידער וואס האבן פארקויפט יוסף האבן זיי געהאט א שלעכטע כוונה אבער למעשה איז ארויס געקומען א טובה אזוי ווי יוסף האט זיי אליין געזאגט: וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה אֱלֹהִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה (שם כ) ממילא אויב יוסף וועט נקמה נעמען אין די ברידער וועגן זייערע שלעכטע מחשבה, וועט עֵשָׂו קומען מיט א טענה אז די מחשבה פון יצחק איז געווען פאר אים און די ברכות זענען זיינע, דאס מיינט דער מדרש לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף, אויב יוסף וועט זיי פיינט האבן, וְהָשֵׁב ער וועט זיך קערן צו אונזער מחשבה, דעמאלט'ס יָשִׁיב, וועט דאס גורם זיין אז אויך עֵשָׂו וועט זיך קערן צו יצחק וועגן זיינע ברכות. לויט דעם מהלך קען מען מסביר זיין א (מדרש שוחר טוב) גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ. (תהלים קיב) זה יעקב שנאמר (ישעיה מא ח) וְאַתָּה יִשְׂרָאֵל עַבְדִּי יַעֲקֹב אֲשֶׁר בְּחַרְתִּיךָ. ומהו גבורתו שנטל את המלאך וְרָפְשׁוֹ לארץ שנא' (הושע יב ה) וַיָּשַׂר אֶל מַלְאָךְ, און עס שטייט (בראשית מט) כָּל־אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר: די גבורה פון יעקב איז: ער האט געהערשט אויף א מלאך, צו פארשטיין וואס איז די שייכות פון די גבורה פון יעקב מיט י"ב שבטים? נאר דער מלאך איז געקומען צונעמען די ברכות פון יעקב, האט אים יעקב מנצח געווען, ווייל מיר גייען נישט נאך די מחשבה, ממילא זענען די ברכת יצחק חַל, האבן די שבטים נישט געזינדיגט מיט די מכירה וואס איז געווען מיט מחשבה, ממילא האט יעקב דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ מיט די י"ב שבטי ישראל. (תבואות אדמה ר' משה אהרן הלוי אב"ד דאמבראווא פיעטריקוב תרפ"ח)

**פארוואס האט יוסף נישט באפוילן זיינע קינדער אים צו באגראבן**

וַיַּשְׁבַּע יוֹסֵף אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה: (נ' כ"ה) פרעגט דער בעל הטורים פארוואס האט יוסף באפוילן זיינע ברידער אים ארויפצונעמען קיין ארץ ישראל און האט נישט באפוילן זיינע אייגענע קינדער? קען מען ענטפערן אז יוסף האט געזען ברוח הקודש אז זיינע אייניקלאך די בני אפרים וועלן ארויסגיין פון מצרים פאר די צייט און זיי זענען אומגעקומען דורך די גויים, עיין גמ'

(סנהדרין דף צ"ב:) און די עצמות יוסף וועלן פארשוואונדן ווערן. ממילא אויב ער וועט הייסן זיינע קינדער אים נעמען צו ארץ ישראל וועט ער אפשר נישט זוכה זיין צו קבורה אין ארץ ישראל, דעריבער האט ער באשוואוירן זיינע ברידער דאס צו טאן, ווייל זיי וועלן דאס טאן. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטעטערסדארף)

## מדור העובדות

## דער הייליגער טשארטקובער רבי צוברעכט די הארץ פון א שטאלצער אפיקורס צו תשובה טאן

א גרופע חסידים זענען געפארן צום הייליגן צדיק ר' דוד משה מטשארטקוב זצוק"ל דער פיפטע זון פון הייליגן ריזינער הרה"ק ר' ישראל, צו זיין ביי אים שבת, אונטער וועגנ'ס זענען די חסידים געווען פרייליך אז זיי פארן צו א צדיק אבער די ארימקייט איז געווען גרוים און זיי האבן נישט געהאט געלט אויף צו קויפן בראנפן האבן זיי גענומען וואסער און געטרונקען לחיים מיט דעם און זיך געוואונטשן איינעם דעם צווייטן. אין יענעם באן איז געווען א איד וואס איז געווען א אפיקורס און האט צו געזען ווי די יונגע חסידים זענען אזוי ארעם אבער זענען זייער פרייליך, און די קנאה האט אין אים געברענט און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער איז צו געגאנגען צו זיי און געפרעגט פארוואס זענען זיי אזוי פרייליך? האבן זיי געענטפערט אז זיי פארן צו זייער הייליגן רבין אין טשארטקוב. און ער האט אפגעלאכט פון זייער אידישקייט און געטשעפעט די חסידים אז זיי פארן צו א רבי און זענען מדקדק במצוות און זענען זייער ארעם אז אפילו א ביסל וואדקא קענען זיי נישט קויפן, און ער אליין היט גארנישט, נישט שמירת שבת און נישט כשרות, און פונדעסטוועגן איז ער זייער רייך, און ער האט געמאכט ליצנות פון די יונגע חסידים מיט נישט שיינע ווערטער ביז איינער פון די חסידים האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געזאגט דעם אפיקורס אז אויב ער וועט קומען צום רבין און הערן ווי ער זאגט בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ מיט אזא זיסקייט און דביקות, וועט ער זיכער תשובה טאן!

פרעגט אים דער אפיקורס מיט וואס ביזטו אזוי זיכער? האט דער חסיד געענטפערט איך וועל דיר אוועקגעבן מיין טלית און תפילין אויב עס וועט נישט ווירקן! די חסידים שרייען אן זייער חבר ווי אזוי נעמסטו אן אזא פארשלאג, וועסטו דען קענען קויפן א אנדער פאר תפילין אויב חלילה דער אפיקורס וועט נישט נתעורר ווערן? אבער דער חסיד גלויבט באמונה שלימה אז דער רבי'ס בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ וועט עפענען דעם האַרץ פון אפילו דער פארוואָרפענער איד און האלט אן דעם וועָט.

דער אפיקורס האט מסכים געווען צו זיין מיט זיי אין טשארטקוב אויף שבת און זיי זענען געפארן מיט אים, דעם גאנצן וועג האט ער געמאכט ליצנות פון די חסידים און פון רבי'ס. און געהאלטן שטאלץ אז גארנישט וועט אים ברעכן און ברענגען צו תשובה טאן. צום סוף זענען זיי אנגעקומען קיין טשארטקוב. די חסידים זענען גלייך געגאנגען געבן שלום פון רבין און איינער פון די חסידים האט דערציילט דעם רבין וועגן דעם אפיקורס וואס זיי האבן מיט געברענגט און אז איינער פון די חסידים האט געוועטן זיין טלית און תפילין אז דער רבי'ס בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ וועט צוברעכן דעם איד'נס הארץ.

דער רבי האט זיי געזאגט אז זיי האבן נישט וואס זיך צו זארגן און מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף וועט דער איד קומען בעטן א וועג צו תשובה. די חסידים זענען געווען פרייליך און געטרונקען א לחיים אין שול מיט משקה און זיך געוואונטשן אז זיי זאלן האבן די זכיה אז דורך זיי וועט א איד תשובה טאן.

שבת אינדערפרי קומט אריין אין שול דער אפיקורס און זעצט זיך לעבן זיין נייע באקאנטע אוןווארט ביז דער רבי וועט גיין פתיחת הארון און זאגן בריך שמי'. עס איז אנגעקומען און דער רבי בהדרת קודש עפענט דעם ארון הקודש און עס נעמט זיך גיסן טרערן פון רבין וואס בעט דעם אויבערשטן פארן כלל און פארן פרט זייענדיג א עת רצון און די חסידים נעמען זיך וויינען און זענען מקבל הייליגע קבלות און ווען דער רבי הויבט אן בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ מיט אזא נעימות ווארט ביי ווארט און דער עולם איז אין א אנדער וועלט פון תשובה און העכערקייט.

אלע חסידים האבן פארגעסן פון דעם אפיקורס חוץ דער יונגערמאן וואס האט געוֶועטְן זיין טלית און תפילין, ער האט נישט געהאט מנוחת הנפש און קוקט די גאנצע צייט אויפן אפיקורס און קען נישט גלויבן, ער איז א שטיין!! ער לאכט אפ פון די גאנצע סטענזי'. אוי וויי!! מיין טלית און תפילין!!

די בכיות פון רבין ווערט האסטיגער און ער זאגט ווייטער ווארט ביי ווארט און דער אפיקורס איז א שטיין. אבער ווען דער רבי האט געזאגט יהא רעוה קדמך דתפתח לבאי באורייתא און דאס איבערגעחזר'ת עטליכע מאל מיט א זיסקייט, ווען פלוצלינג נעמט זיך דער אפיקורס וויינען און לויפט ארום דעם שול אוי איך וויל תשובה טאן!! ביז דער רבי איז צוגעגאנגען צו אים און געזאגט אז נאך שבת וועט ער אים ווייזן א וועג פון תשובה און דער איד איז געגאנגען צו זיין פלאץ און מיט געהאלטן מיטן דאווענען און געפראוועט דעם שבת מיט די חסידים, ער איז געווארן א אמת'ע בעל תשובה און דער רבי האט אים געוויזן אוועג און צוגעזאגט ער וועט אים געבן א תיקון.

ווען די חסידים האבן זיך געזעגנט פון רבין האט זיך דער רבי אנגערופן אז באמת איז געווען זייער שווער צו עפענען זיין הארץ ווייל ער איז געווען פארגרעבט מיט אזוי פיל עבירות און איך האב געזוכט עפעס קדושה אין אים כדי אנצינדן די פייער. ביז איך האב געזען אז ער איז אמאל געגעסן טשאלנט ביי א איד שבת, און דער איד געהייסן אלע מוזן זאגן ווען זיי עסן, עס זאל זיין לכבוד שבת. און די קדושה איז געווען גענוג אים אנצוצינדן. האט דער צדיק געטייטשט דאס איז מרומז אין די זמירות לשבת: מְעַנֵּג נַפְשׁוֹ בּוֹ סוֹפוֹ לְשְׁאֵרִית, מְעַנֵּג נַפְשׁוֹ, דער וואס זאגט ביים עסן "לכבוד שבת", סופו נפשו וועט די ענדע זיין אז שארית מיינט זיין נשמה וועט מען ראטעווען זיע"א. (רשומים בשמיך)

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $1000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***